בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון מ"ד

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת בא
שנת תשפ"ד

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

מָאנְטָאג פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, שְׁנַת תשפ"ג, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף זֶענֶען מִיר מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, מָאנְטָאג פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

### קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער

דִי צְוֵוייטֶע וִויכְטִיגֶע זַאךְ וָואס אַ מְלַמֵּד דַארְף וִויסְן; דִי קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט גֶעקוּמֶען אִין חֵדֶר זִיךְ קְרִיגְן מִיט מִיר, דֶערְפַאר קֶען אִיךְ נִישְׁט קוּמֶען זִיךְ קְרִיגְן מִיט זֵיי!

קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער; קִינְדֶער וִוילְן נִישְׁט לֶערְנֶען, קִינְדֶער וִוילְן נִישְׁט דַאוֶוענֶען, קִינְדֶער וִוילְן זִיךְ טְשֶׁעפֶּען, קִינְדֶער וִוילְן אוֹיסְפִּירְן, אוּן אַלֶע נִישְׁט גוּטֶע מִידוֹת, אוּן אִיךְ וֶועל זֵיי אוֹיסְאַרְבֶּעטְן, אִיךְ וֶועל זֵיי נָאכְאַמָאל זָאגְן, אִיךְ וֶועל זֵיי נָאכְאַמָאל מַדְרִיךְ זַיין, אוּן אִיךְ וֶועל נָאכְאַמָאל וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר גֶעבְּן אַ גוּטֶע וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ מַיינֶע תַּלְמִידִים.

### גֶעבְּן אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער

דִי דְרִיטֶע וִויכְטִיגֶע זַאךְ וָואס אַ מְלַמֵּד דַארְף וִויסְן; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רב): **"כָּל מִי שֶׁשִּׂכְלוֹ קָטָן בְּיוֹתֵר, צָרִיךְ לַחֲלֹק לוֹ כָּבוֹד בְּיוֹתֵר. כִּי כָּל מַה שֶּׁשִּׂכְלוֹ יוֹתֵר קָטָן, הוּא יוֹתֵר חָפֵץ בְּכָבוֹד"**. וִוי וֵוינִיגֶער שֵׂכֶל מֶען הָאט, אַלְץ מֶער אַטֶענְשָׁאן (אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט) אוּן כָּבוֹד דַארְף מֶען.

דֶער רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער הָאט אַמָאל בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּן אִיר טַאטְן דֶער רֶבִּי'ן, עֶס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דָארְט מוֹרָא'דִיגֶע טִיטְלֶען אוֹיף אִיר, הָאט זִי אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ וֵויינֶען, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס זִי וֵויינְט, הָאט מֶען אִיר גֶעפְרֶעגְט: **"פַארְוָואס וֵויינְסְטוּ?"** הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מַיין טַאטְן אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּקַטְנוּת הַדַעַת דַארְף מֶען אִים אוֹיסְלוֹיבְּן..."**

טְרַאכְטְס אַרַיין, אוֹיבּ אוּנְז וָואס מִיר זֶענֶען שׁוֹין עֶלְטֶער, מִיר זֶענֶען שׁוֹין מְלַמְּדִים -וַוארְטְן מִיר נָאךְ אוֹיף וַוארֶעמְקֵייט אוּן אַ גְלֶעט, אִיז דָאךְ זִיכֶער דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס הָאבְּן דָאךְ גָארְנִישְׁט קֵיין שֵׂכֶל, דַארְפְן זִיכֶער וַוארֶעמְקֵייט, מֶען זָאל זֵיי נָאכְאַמָאל זָאגְן: **"מוֹרָא'דִיג"**, אוּן נָאכְאַמָאל אַ גוּט וָוארְט.

מֶען קֶען זַיין שְׁטְרֶענְג, אָבֶּער מֶען דַארְף גֶעבְּן אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער.

### וָואס גֵיי אִיךְ הַיינְט טוּן?

דִי פֶערְטֶע וִויכְטִיגֶע זַאךְ וָואס אַ מְלַמֵּד דַארְף וִויסְן אוּן בֶּאֱמֶת אִיז דָאס דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ; דֶער מְלַמֵּד זָאל קוּמֶען צֵייטְלִיךְ אִין חֵדֶר!

אַז דֶער מְלַמֵּד אִיז שׁוֹין אִין כִּתָּה אַפָּאר מִינוּט פַאר דִי צַייט, קֶען עֶר שׁוֹין אָנְגְרֵייטְן זַיין טִישׁ, דִי לֶעדְלֶעךְ מִיט זַיינֶע זַאכְן, אוּן אַ פְּלַאן וָואס עֶר גֵייט הַיינְט טוּן, דַאן אִיז עֶר פָארְאוֹיס פוּן זַיין טָאג אוּן עֶר וֶועט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף מַצְלִיחַ זַיין, אָבֶּער אוֹיבּ עֶר קוּמְט אָן דִי לֶעצְטֶע סֶעקוּנְדֶע דַארְף עֶס שׁוֹין גֶעלוּנְגֶען... אָנְהֵייבּ טָאג דַארְף מֶען זַיין גְרֵייט מִיט אַ פְּלַאן 'וָואס גֵיי אִיךְ הַיינְט טוּן', מֶען קֶען נִישְׁט אָפְּמַאכְן דִי לֶעצְטֶע מִינוּט וָואס מֶען גֵייט טוּן.

### אַ שְׁפַּאצִיר מִיט דִי קִינְדֶער

אַ מְלַמֵּד דַארְף קוּמֶען אָנְגֶעגְרֵייט מִיט אַ פְּלַאן צוּ וִויסְן 'וָואס גֵיי אִיךְ הַיינְט טוּן', מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט כַאפְּן אִינְמִיטְן טָאג אַז מֶען הָאט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט דִי קִינְדֶער, וֶועט מֶען גֵיין אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר.

אַ שְׁפַּאצִיר אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס מֶען טוּט וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אַ שְׁפַּאצִיר אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען גְרֵייט אָן פוּן פָארְאוֹיס, מֶען הֶערְט אוֹיס דִי וֶועטֶער

## • שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת

אוֹיבּ עֶס וֶועט זַיין אַ שֵׁיינֶע וֶועטֶער, אוּן מֶען שְׁטֶעלְט אוֹיס דִי לִימוּדִים פוּן אָנְהֵייבּ וָואךְ מִיטְ'ן פְּלַאן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן שׁוֹין קֶענֶען אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט, דַאן קֶען מֶען זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער: **"מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט זֵייעֶר פְלַייסִיג, מַאכְטְס צוּ דִי חֻמָּשִׁים, מֶען גֵייט גֵיין שְׁפַּאצִירְן"**.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז פַאר מֶען גֵייט שְׁפַּאצִירְן דַארְף מֶען דָאס אַיינְמֶעלְדְן פַארְ'ן מְנַהֵל, דֶער מְנַהֵל זָאל וִויסְן וואוּ דִי קִינְדֶער זֶענֶען, מֶען קֶען נִישְׁט סְתַּם נֶעלָם וֶוערְן מִיט דִי קִינְדֶער.

### אִיךְ אַרְבֶּעט מִיט גָאלְד

אוֹיבּ מֶען קוּקְט אָן דִי אַרְבֶּעט מִיט קִינְדֶער וִוי אַ חָשׁוּבְ'עֶ זַאךְ, אִיךְ אַרְבֶּעט מִיט גָאלְד, אוּן אִיךְ בִּין חָשׁוּב, אִיךְ בִּין אִיבֶּערְצֵייגְט אַז אִיךְ טוּ גוּט אוּן אִיךְ טוּ אוֹיף, פַאלְן שׁוֹין אַוֶועק אַלֶע קַשְׁיוֹת, **"וִוי אַזוֹי זָאגְט מֶען פַאר דֶעם קִינְד?"** אוּן **"וִויפִיל קֶען מֶען זָאגְן פַאר דֶער קִינְד?"** אוּן **"וִוי אַזוֹי וֶוערְט מֶען נִישְׁט נֶערְוֶועז פוּן דֶעם קִינְד?"** - מֶען וֵוייסְט שׁוֹין וִוי אַזוֹי צוּ זָאגְן אוּן וִויפִיל צוּ זָאגְן, אָבֶּער אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד טְרַאכְט: 'אִיךְ טוּ סֵיי וִוי גָארְנִישְׁט אוֹיף', וֶועט עֶר נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין.

### עֶס קוּמְט גְרִינְגֶע טֶעג

אִיךְ פְלֶעג הָאבְּן שִׂיחוֹת חֲבֵרִים מִיטְ'ן מְנַהֵל, יֶעדְן זוּנְטָאג פְלֶעג אִיךְ אִים זָאגְן: **"פַארְוָואס דַארְף אִיךְ אַ יְשִׁיבָה? אוּן פַארְוָואס דַארְף אִיךְ שְׁרַייבְּן בְּרִיוְון?"** פְלֶעגְט מִיךְ דֶער מְנַהֵל עֶנְטְפֶערְן זֵייעֶר גוּט: **"זוּנְטָאג קֶען מֶען נִישְׁט בַּאשְׁלִיסְן קֵיין הַחְלָטוֹת, אוֹיבּ דוּ טְרַאכְטְסְט מָאנְטָאג אוֹיפְצוּהֶערְן צוּ שְׁרַייבְּן בְּרִיוְון - וֶועט מֶען דֶעמָאלְט זֶען, אָבֶּער זוּנְטָאג אִיז אַ שְׁוֶוערֶע טָאג, דֶעמָאלְט קֶען מֶען נִישְׁט מַאכְן קֵיין בַּאשְׁלִיסְן"**.

אִיךְ זָאג לְגַבֵּי דֶעם וַוייל דֶער מְנַהֵל

שְׁרַייבְּט מִיר אַז מְלַמְּדִים זֶענֶען נֶעכְטְן צוּגֶעקוּמֶען אִים זָאגְן: **"פַּארְוָואס דַארְף אִיךְ דָא קוּמֶען, עֶס אִיז סְתַּם אַ שָׁאד דִי צַייט, אִיךְ טוּ סַיי וִוי גָארְנִישְׁט אוֹיף"**, זָאג אִיךְ עֶנְק: **"זוּנְטָאג קֶען מֶען גָארְנִישְׁט זָאגְן, פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען נִישְׁט בְּרֶענְגֶען קַיין רְאָיָה, בַּאלְד קוּמֶען גְרִינְגֶע טֶעג, מָאנְטָאג, דִינְסְטָאג, מִיטְוָואךְ אוּן דָאנֶערְשְׁטָאג"**.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז בִּכְלַל מִיטְ'ן גַאנְצְן זוּמֶער, זוּמֶער אִיז אַ שְׁווֶערֶערֶע צַייט צוּ זִיצְן מִיט קִינְדֶער, וּבִפְרַט פַאר אַ נֵייעֶר מְלַמֵּד וָואס הֵייבְּט אָן זַיין מְלַמְּדוּת אִין זוּמֶער. דֶערְפַאר מַאכְט עֶס נִישְׁט קַיין הַחְלָטוֹת לוֹיט וִוי אַזוֹי עֶס גֵייט זוּמֶער, עֶס קוּמְט נָאךְ גְרִינְגֶערֶע טֶעג מִיט דִי קִינְדֶער.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מֶען מַאכְט עֶנְק גְרִינְגֶער, עֶנְק הָאבְּן אַ מְנַהֵל וָואס אִיז גְרֵייט צוּ זַיין דֶער שְׁלֶעכְטֶער, דֶער שְׁטְרֶענְגֶער, אַז דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט אַ קִינְד, שִׁיק אִים צוּם מְנַהֵל, זָאג פַארְ'ן קִינְד: **"דוּ מוּזְט גֵיין צוּם מְנַהֵל!"** אוֹיבּ דֶער מְנַהֵל וֶועט אַיינְזֶען אַז אִיךְ שִׁיק שׁוֹין צוּפִיל מָאל צוּ אִים, וֶועט עֶר מִיר דֶעמָאלְט זָאגְן אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט שִׁיקְן צוּ אִים יֶעדֶע מִינוּט.

דֶער עִיקָר דַארְפְט עֶטְץ וִויסְן בַּיי זִיךְ אַז **"אִיךְ בִּין זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן מַיין אַרְבֶּעט אִיז זֵייעֶר טֵייעֶר"**.

## אַ תְּפִלָּה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶנְק זָאלְן הָאבְּן סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא, אוּן בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר 'לְמַעַן לֹא נִיגַע לָרִיק, וְלֹא נֵלֵד לַבֶּהָלָה', מַיין אַרְבֶּעט זָאל נִישְׁט גֵיין אוּמְזִיסְט, אִיךְ זָאל נָאכְאַמָאל זִינְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, אִיךְ זָאל נָאכְאַמָאל זִינְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער דִי בְּרָכוֹת, אִיךְ זָאל נָאכְאַמָאל זִינְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ זָאל נָאכְאַמָאל זִינְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אַלֶעס אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט טוּן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, אוּן אִיךְ זָאל זִיךְ נָאכְאַמָאל אָנְגְרֵייטְן שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה'לֶעךְ צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער"**.

## אַ מַעֲשֶׂה בַּיים שַׁבָּת טִישׁ

אִיךְ הָאבּ דֶערְמַאנְט פָארִיגֶע וָואךְ נָאכְ'ן פָארְלֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא אַז אַ טַאטֶע דַארְף זִיךְ אָנְגְרֵייטְן אִינְמִיטְן וָואךְ אַ מַעֲשֶׂה וָואס עֶר גֵייט דֶערְצֵיילְן שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדָה, מֶען קֶען נִישְׁט אִינְמִיטְן דִי סְעוּדָה אָנְהֵייבְּן זוּכְן וָואס צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער; אִיז מִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ זֶען וִוי אַסַאךְ אִינְגֶעלַייט זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ מִיר נָאכְ'ן שִׁיעוּר אוּן גֶעזָאגְט אַז דָאס הָאבְּן זֵיי קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעווּאוּסְט, עֶס אִיז זֵיי אַ נֵייעֶ זַאךְ, - אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס אִיז דָא נִישְׁט צוּ וִויסְן?... זִיכֶער גְרֵייט מֶען זִיךְ אָן אַ מַעֲשֶׂה שׁוֹין פוּן אָנְהֵייבּ וָואךְ! אִיךְ הָאבּ שׁוֹין הַיינְט גֶעטְרַאכְט פוּן אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיךְ גֵיי דֶערְצֵיילְן דֶעם קוּמֶענְדִיגְן פְרַייטָאג צוּנַאכְטְס.

וֶוען אִיךְ דֶערְצֵייל אַ מַעֲשֶׂה פַאר קִינְדֶער דֶערְצֵייל אִיךְ עֶס נִישְׁט אַזוֹי וִוי מֶען בִּינְדְט צוּ דִי שִׁיךְ, מֶען זָאגְט עֶס אָפּ אוּן שׁוֹין 'אִיךְ הָאבּ שׁוֹין דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה'... אִיךְ דֶערְצֵייל קוֹדֶם דִי עֶרְשְׁטֶע הֶעלְפְט מַעֲשֶׂה אוּן אִיךְ הָאף אַז אֵיינֶער גֵייט אַרַיין רֶעדְן אִינְמִיטְן, אֵיינֶער גֵייט שְׁטֶערְן, וֶועל אִיךְ נָאכְאַמָאל דַארְפְן אָנְהֵייבְּן דִי מַעֲשֶׂה פוּן אָנְהֵייבּ, אוּן אִיךְ גֵיי זָאגְן: **"קֵיינֶער הֶערְט מִיךְ נִישְׁט אוֹיס"**, **"עֶס אִיז אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט דִי מַעֲשֶׂה"**, אוֹיךְ הָאף אִיךְ אַז אֵיינֶער זָאל אַרַיין פְרֶעגְן אוּן אִיבֶּער הַאקְן מַיין מַעֲשֶׂה, וֶועל אִיךְ אַרַיין גֵיין אִין אַ צְוֵוייטֶע שְׁמוּעֶס וָואס יֶענֶער הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט, פוּן דֶעם וֶועט שׁוֹין וֶוערְן נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה... אַזוֹי וֶועלְן דִי מַעֲשִׂיּוֹת אַרַיין גֵיין אִין זֵיי.

אַז מֶען טוּט מִיט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער בַּאקוּמְט מֶען דִי בְּרָכָה פוּן (תְּהִלִּים לז, כו): **"וְזַרְעוֹ לִבְרָכָה"**, מֶען וֶועט זֶען נַחַת בַּיי דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין, אָמֵן.

## נָאכְן שִׁיעוּר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעגֶעבְּן אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט פַאר דִי מְלַמְּדִים צוּ פְרֶעגְן שְׁאֵלוֹת.

### שְׁאֵלָה:

**אַ נֵייעֶר מְלַמֵּד פְרֶעגְט:** וָואס קֶען מֶען טוּן מִיט אַ קִינְד וָואס שְׁרֵייט אַרַיין וֶוען אִיךְ הַאלְט אִינְמִיטְן רֶעדְן?

### תְּשׁוּבָה:

קוֹדֶם כֹּל בִּיסְטוּ דָאךְ אַ נֵייעֶר מְלַמֵּד, זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז זוּמֶער אִיז אַבִּיסְל שְׁוֶוער אָנְצוּהֵייבְּן מְלוּמְדוּת, וַוייל עֶס אִיז שׁוֹין סוֹף יָאר, אִיךְ וֶועל דִיר עֶנְטְפֶערְן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אַוֶועק שְׁטֶעלְן אָנְהֵייבּ יָאר אַז דָאס זָאל נִישְׁט פַּאסִירְן.

אָנְהֵייבּ יָאר דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג, זֵייעֶר הַארְט, בִּיז מֶען שְׁטֶעלְט אַוֶועק אַ דִיסְצִיפְּלִין. אָנְהֵייבּ יָאר שְׁטֶעלְט מֶען אַוֶועק דֶעם סֵדֶר אַז וֶוען דֶער רֶבִּי רֶעדְט קֶען קֵיינֶער נִישְׁט רֶעדְן. קִינְדֶער וָואס רֶעדְן אַרַיין וֶוען דֶער רֶבִּי רֶעדְט זֶענֶען נִישְׁט שְׁלֶעכְט, נָאר זֵיי כַאפְּן נִישְׁט אַז יֶעצְט קֶענֶען זֵיי זִיךְ נִישְׁט אָנְרוּפְן, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט צוּגֶעווּאוֹינְט צוּ דֶעם, אִינְדֶערְהֵיים שְׁרֵייט עֶר אוֹיךְ אַרַיין וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ אִים, דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער: **"מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן נָאר אוֹיבּ מֶען הֵייבְּט אוֹיף דִי הֶענְט אוּן דֶער רֶבִּי גֶעבְּט רְשׁוּת צוּ רֶעדְן"**.

דֶעם שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט בַּיי מִיר מַיין אֵיינִיקְל, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען עֶסְן בַּיי מִיר דִי סְעוּדָה, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען וִוי עֶר הַאלְט דִי הֶענְט פַאר עֶר ווִיל עֶפֶּעס זָאגְן, עֶר כַאפְּט נָאכְנִישְׁט אַז אִינְדֶערְהֵיים טוּט מֶען דָאס נִישְׁט, עֶר מֵיינְט אַז עֶר אִיז יֶעצְט אִין חֵדֶר, אִיךְ פְרֶעגְט אִים: **"פַארְוָואס הַאלְסְטוּ דַיין הַאנְט?"** זָאגְט עֶר מִיר: **"מַיין רֶבִּי זָאגְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן נָאר אוֹיבּ מֶען הֵייבְּט אוֹיף דִי הֶענְט"**, אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט גְלַייךְ ווּאוּסֶענְדִיג גֶעמַאכְט פוּן אִים, נָאךְ אַפָּאר מִינוּט פְרֶעג אִיךְ: **"וָואס הָאסְטוּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן?"** זָאגְט עֶר מִיר: **"אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פַארְגֶעסְן!"** וַוייל עֶר הַאלְט דָאךְ שׁוֹין פִינְף מִינוּט דִי הֶענְט אִין דִי לוּפְט... אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט דָאס צוּ זֶען, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיס דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר אַז מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן אָן רְשׁוּת.

מֶען דַארְף נִישְׁט שְׁרֵייעֶן וֶוען אַ קִינְד פַארְגֶעסְט זִיךְ אוּן רֶעדְט אָן רְשׁוּת, נָאר מֶען זָאגְט עֶס אִיבֶּער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל: **"מֶען קֶען נִישְׁט אַרַיינְרֶעדְן וֶוען אַ רֶבִּי רֶעדְט"**.

בִּכְלַל דַארְף אַ מְלַמֵּד וִויסְן אַז דֶער קוּנְץ פוּן אַ מְלַמֵּד אִיז עֶר זָאל פָארְלֶערְנֶען מִיט אַ שְׁטִילֶע קוֹל, עֶר זָאל נִישְׁט וֶוערְן הֵייזֶערִיג, אוּן דִי קִינְדֶער זָאלְן אִיבֶּער זָאגְן הוֹיךְ מִיטְ'ן הֶעכְסְטְן קוֹל.

### שְׁאֵלָה:

**אַ מְלַמֵּד פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער פְרֶעגְט:** וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז דִי קִינְדֶער ווִילְן אַ גַאנְצְן טָאג אַרַיין רֶעדְן וֶוען אִיךְ הַאלְט אִינְמִיטְן רֶעדְן, מֶען קֶען דֶען אַ גַאנְצְן טָאג זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער אַז מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן וֶוען אַ רֶבִּי רֶעדְט?!

### תְּשׁוּבָה:

מֶען קֶען נִישְׁט אַ גַאנְצְן טָאג זָאגְן פַאר קִינְדֶער אַז מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן וֶוען אַ רֶבִּי רֶעדְט.

אָבֶּער מֶען דַארְף פְרֶעגְן דֶעם מְנַהֵל וִוי לַאנְג פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער קֶענֶען זִיצְן אוֹיף אֵיין פְּלַאץ אָן זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן אוּן רֶעדְן, מֶען קֶען זֵיי נִישְׁט הַאלְטְן צוּ לַאנְג שְׁטִיל אוֹיפְ'ן פְּלַאץ, נוּרְסֶערִי אוּן קִינְדֶערְגַארְטְן קִינְדֶער הַאלְט מֶען בְּעֶרֶךְ צֶען מִינוּט אִין אֵיין צוּ אוֹיפְן

פְּלַאץ, אוֹיסֶער אָנְפַאנְג טָאג וָואס מֶען קֶען נָאךְ הַאלְטְן אַבִּיסְל לֶענְגֶער, כִּתָּה א' מַאכְט מֶען שׁוֹין נָאךְ אַ לֶענְגֶערֶע סֵדֶר, אוּן מֶען זָאגְט זֵיי: **”יֶעצְט דַאוֶונְט מֶען, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, בַּאלְד גֵייט זַיין רִיסֶעס, בַּאלְד גֵייט מֶען אַרוֹיס נֶעמֶען דִי טְרָאקְס מִיט דִי קַארֶערְלֶעךְ“**, אוּן אִין דִי קוּרְצֶע צַייט וָואס מֶען הַאלְט זֵיי אוֹיפְ'ן פְּלַאץ זָאגְט מֶען זֵיי: **”יֶעצְט קֶען מֶען נִישְׁט רֶעדְן“**, **”וֶוער עֶס וִויל עֶפֶּעס זָאגְן, זָאל אוֹיפְהֵייבְּן זַיין הַאנְט“**, אוֹיבּ מֶען זֶעט אַז אַ קִינְד הֵייבְּט שׁוֹין אוֹיף זַיין הֶענְט צוּפִיל מָאל, זָאגְט מֶען אִים: **”לֵייג יֶעצְט אַרָאפּ דַיין הַאנְט, בַּאלְד וֶועסְטוּ אוֹיפְהֵייבְּן דַיין הַאנְט“**.

עֶס אִיז גוּט צוּ רֶעדְן צוּ זִיךְ אַלֵיינְס, מֶען רוּפְט זִיךְ אָן: **”אָקֶעי, יֶעצְט זֶע אִיךְ שׁוֹין דִי וואוֹילֶע קִינְדֶער וָואס דַאוֶוענֶען שֵׁיין, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין דִי קֶענְדִי״ס“**, **”אִיךְ נֶעם שׁוֹין יֶעצְט אַרוֹיס דִי טִיקֶעטְס“**, **”בַּאלְד גֵייט שׁוֹין זַיין עֶפֶּעס וָואס אִיךְ קֶען נָאכְנִישְׁט אוֹיסְזָאגְן“**, - אִיךְ קֶען עֶס נָאכְנִישְׁט אוֹיסְזָאגְן וַוייל אִיךְ אַלֵיינְס וֵייס נָאכְנִישְׁט וָואס עֶס גֵייט זַיין...

עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ זָאגְן וָואס מֶען גֵייט גֶעבְּן אָדֶער טוּן - אוֹיבּ דִי זַאךְ אִיז נָאכְנִישְׁט גְרֵייט, וַוייל אַז מֶען זָאגְט אַרוֹיס אַ וָוארְט דַארְף מֶען עֶס שׁוֹין מְקַיֵים זַיין. אֵיין טָאג הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער אַז אִיךְ גֵיי זֵיי בְּרֶענְגֶען פְּרֵייזֶעס, הַיינְט וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אִין חֵדֶר, הֶער אִיךְ וִוי קִינְדֶער שְׁרֵייעֶן אַרוֹיס פוּן פֶענְסְטֶער: **”דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז גֶעקוּמֶען בְּרֶענְגֶען פְּרֵייזֶעס“**, אִיךְ בִּין פַארְשֶׁעמְט גֶעוָוארְן וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט הַיינְט קַיין פְּרֵייזֶעס אוּן דִי קִינְדֶער וַוארְטְן דֶערוֹיף.

אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד הָאט אָנְגֶעגְרֵייט אֵייסֶעס, קֶען עֶר מַאכְן פוּן דֶעם אַ רִיזִיגֶע מַצָּב; עֶר הֵייסְט אַרוֹיס נֶעמֶען דֶעם סִידוּר אָדֶער חוּמָשׁ, עֶר זָאגְט: **”מֶען נֶעמְט אַרוֹיס דִי הֵיילִיגֶע סִידוּר, דִי הֵיילִיגֶע חוּמָשׁ אוּן מֶען גֶעבְּט עֶס אַ קוּשׁ“**, נָאכְדֶעם רוּפְט עֶר זִיךְ אָן צוּ זִיךְ אַלֵיינְס: **”בַּאלְד וֶועל אִיךְ שׁוֹין פְרֶעגְן דֶעם מְנַהֵל אוֹיבּ דִי אֵייסֶעס אִיז שׁוֹין הַארְט“**, אוּן עֶר רוּפְט אָן דֶעם מְנַהֵל: **”הֶעלָאוֹ, מְנַהֵל, דִי אֵייסֶעס אִיז שׁוֹין גְרֵייט? מֶען קֶען שׁוֹין גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער דִי גוּטֶע אֵייסֶעס?“ ”מְנַהֵל, עֶס אִיז אוֹיךְ דָא אַ פֶּערְפְּל אֵייסֶעס? יָא! אָקֶעי דִי פֶּערְפְּל אֵייסֶעס וֶועט מֶען מוּזְן אַוֶועק לֵייגְן פַאר יַעְנְקִי, וַוייל יַעְנְקִי אִיז זֵייעֶר אַ וואוֹילֶער אִינְגְל!“** אוּן מֶען דַאוֶונְט וַוייטֶער, אַזוֹי דַאוֶונֶען זֵיי לֶעבֶּעדִיג אוּן הוֹיךְ.

אַמָאל קֶען מֶען אֲפִילוּ אָנְצִינְדְן דֶעם מְנַהֵל אוֹיף סְפִּיקֶער, דֶער מְנַהֵל זָאל רֶעדְן הוֹיךְ צוּ אַלֶע קִינְדֶער.

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעזָאגְט פַאר'ן מְנַהֵל:** עֶס אִיז אַ גוּטֶע עֵצָה דוּ זָאלְסְט מְסַדֵּר זַיין אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען רֶעדְן פוּן דַיין אָפִיס צוּ אַלֶע כִּיתּוֹת, אַזוֹי וֶועסְטוּ נִישְׁט דַארְפְן לוֹיפְן אַ גַאנְצְן טָאג, דוּ וֶועסְט קֶענֶען זִיצְן בַּיי דִיר אִין אָפִיס, דוּ וֶועסְט קוּקְן אוֹיפְ'ן סְקְרִין וואוּ עֶס פֶעלְט אוֹיס מְחַזֵק צוּ זַיין, אוּן דוּ וֶועסְט קֶענֶען זָאגְן אַפָּאר וֶוערְטֶער אוּן אוֹיפְלֶעבְּן אַ כִּתָּה.

### שְׁאֵלָה:

**אַ מְלַמֵּד פְּרֶעגְט:** וָואס דַארְף מֶען טוּן מִיט אַ קִינְד וָואס רֶעדְט מִיאוּסְ'עֶ וֶוערְטֶער?

### תְּשׁוּבָה:

מֶען דַארְף אָנְזָאגְן דִי קִינְדֶער אַז מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן מִיאוּסְ'עֶ וֶוערְטֶער.

עֶס אִיז דָא וֶוערְטֶער וָואס זֶענֶען בֶּאֱמֶת נִישְׁט מִיאוּס, נָאר דִי קִינְדֶער זָאגְן עֶס אוּן עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אַ מִיאוּסְ'עֶ וָוארְט, דַארְף מֶען אוֹיךְ מַאכְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן עֶס נִישְׁט זָאגְן. מֶען קֶען זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער: **”דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער זָאגְן דִי נַארִישֶׁע וֶוערְטֶער, אָבֶּער מִיר זֶענֶען שׁוֹין גְרוֹיסֶע קִינְדֶער, מִיר זָאגְן שׁוֹין נִישְׁט דִי בֶּעבִּי'שֶׁע וֶוערְטֶער וָואס זֵיי זָאגְן“**.

יֶעדֶער מְלַמֵּד זָאגְט אַז אֵיין כִּתָּה יוּנְגֶער זָאגְט נָאךְ דִי וֶוערְטֶער, אָבֶּער **”מִיר זֶענֶען שׁוֹין גְרֶעסֶער, מִיר זָאגְן עֶס שׁוֹין נִישְׁט“**.

מֶען קֶען נִישְׁט אַרָאפּ לֵייגְן אַ קִינְד אִין אַ יוּנְגֶערֶע קְלַאס צוּלִיבּ דֶעם, נָאר מֶען זָאגְט: **”דִי כִּתָּה אִיז שׁוֹין אַן עֶלְטֶערֶע כִּתָּה אוּן מִיר זָאגְן שׁוֹין נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער“**.

### שְׁאֵלָה:

**אַ מְלַמֵּד פְּרֶעגְט:** וָואס זָאל מֶען טוּן וֶוען אַ קִינְד קוּמְט אוֹיסְזָאגְן אַן אַנְדֶערֶע אִינְגְל אַז יֶענֶער רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה?

### תְּשׁוּבָה:

מֶען דַארְף אִים פְרֶעגְן שְׁטִילֶערְהֵייט וָואס מֵיינְט אַז יֶענֶער אִינְגְל רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה, רוֹב מָאל אִיז עֶס נִישְׁט מַמָּשׁ קַיין נִיבּוּל פֶּה, עֶס אִיז אֵיינֶע פוּן דִי אוֹיפְגֶעמַאכְטֶע וֶוערְטֶער וָואס קִינְדֶער נִיצְן, אוּן מֶען זָאגְט פַאר דֶעם אִינְגְל: **”זֵייעֶר גוּט אַז דוּ קוּמְסְט מִיךְ דֶערְצֵיילְן, אִיךְ וֶועל שׁוֹין רֶעדְן צוּ אִים, אִיךְ וֶועל אִים זָאגְן אַז עֶר זָאל עֶס נִישְׁט זָאגְן“**.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ טוּט מֶען וֶוען אַ אִינְגְל קוּמְט אוֹיסְזָאגְן: **”רֶבִּי, יֶענֶער הָאט מִיךְ גֶעשְׁלָאגְן“**, מֶען זָאגְט פַאר דֶעם אִינְגְל: **”דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט שְׁלָאגְן, אִיךְ וֶועל קֶעיר נֶעמֶען פוּן דֶעם“**.

### שְׁאֵלָה:

**אַ מְלַמֵּד פְּרֶעגְט:** מֶען דַארְף טַאקֶע קֶעיר נֶעמֶען פוּן דֶעם אִינְגְל וָואס הָאט גֶעשְׁלָאגְן אַ צְוֵוייטְן?

### תְּשׁוּבָה:

מֶען קֶען נִישְׁט קֶעיר נֶעמֶען פוּן אַ אִינְגְל פַאר מֶען וֵוייסְט אוֹיבּ עֶר הָאט אִים טַאקֶע גֶעשְׁלָאגְן, וֶוער זָאגְט אַז יֶענֶער הָאט אִים גֶעשְׁלָאגְן? אֶפְשָׁר מֵיינְט עֶר אַז יֶענֶער הָאט אִים גֶעשְׁלָאגְן, אוּן וָואס וֵוייסְטוּ וָואס עֶר הָאט יֶענֶעם גֶעטוּן פַארְדֶעם?!

דֶערְפַאר, קוֹדֶם זָאגְט מֶען פַאר דֶעם אִינְגְל וָואס קוּמְט אוֹיסְזָאגְן: **”מֶען וֶועט קֶעיר נֶעמֶען“**, נָאכְדֶעם מוּז מֶען נִישְׁט אֵייבִּיג וַוייטֶער טוּן, מֶען קֶען דֶען אַ גַאנְצְן טָאג קַנְסְ'עֶנֶען קִינְדֶער?! דֶער עִיקָר דַארְף מֶען בַּארוּאִיגְן דֶעם קִינְד וָואס קוּמְט אוֹיסְזָאגְן, מֶען זָאגְט אִים: **”זֵייעֶר גוּט אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט צוּרִיק גֶעשְׁלָאגְן, מֶען טָאר נִישְׁט צוּרִיק שְׁלָאגְן, אַ אִיד שְׁלָאגְט נִישְׁט צוּרִיק, דוּ בִּיסְט אַ צַדִיק אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט צוּרִיק גֶעשְׁלָאגְן“**.

### שְׁאֵלָה:

**אַ מְלַמֵּד פְּרֶעגְט:** וִוי אַזוֹי רֶעדְט מֶען צוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה?

### תְּשׁוּבָה:

וֶוען מֶען גֵייט מִיט זֵיי אִין בֵּית הַכִּסֵא, זָאגְט מֶען זֵיי נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל: **”מֶען לֵייגְט נִישְׁט דִי הֶענְט וואוּ מֶען מַאכְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט“**, דָאס אִיז קְדוּשָׁה בַּיי קְלֵיינֶע קִינְדֶער.

בַּיי עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען שׁוֹין זָאגְן מֶער מְשָׁלִים: **”אוֹיבּ אַ אִינְגְל רוּפְט דִיךְ אוּן וִויל זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוּנְטֶער אַ זִיץ פוּן דִי בָּאס, עֶר וִויל דִיךְ אָנְרִירְן וואוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט, זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָארְט, מֶען טָאר דָאס נִישְׁט טוּן!“**

אוֹיבּ דוּ הֶערְסְט אוֹיף אַפָּאר קִינְדֶער אַז זֵיי בַּאהַאלְטְן זִיךְ אִין אַ זַייט אוּן טוּעֶן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, זָאלְסְטוּ אַרוֹיס נֶעמֶען אֵיינֶעם פוּן זֵיי אִין אַ זַייט אוּן אִים פְרֶעגְן שֵׁיינֶערְהֵייט: **”דוּ בַּאהַאלְטְסְט זִיךְ מִיט אַן אַנְדֶערֶע קִינְד?“** אוֹיבּ דֶער קִינְד הֵייבְּט אָן צוּ לַאכְן, מֵיינְט נִישְׁט אַז עֶר אִיז שְׁלֶעכְט, אַסַאךְ מָאל גֶעשֶׁעט וֶוען אַ קִינְד וֶוערְט דֶערְשְׁרָאקְן אוּן וַוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ רֶעאַגִירְן, הֵייבְּט עֶר אָן צוּ לַאכְן, עֶס אִיז דָאךְ קִינְדֶער.

### שְׁאֵלָה:

**אַ מְלַמֵּד פְּרֶעגְט:** וָואס קֶען מֶען טוּן מִיט דִי קִינְדֶער וָואס קֶענֶען נִישְׁט אַיינְזִיצְן, זֵיי קֶענֶען נִישְׁט זִיצְן אוֹיף אֵיין פְּלַאץ מֶער וִוי צְוֵויי מִינוּט?

### תְּשׁוּבָה:

אוֹיבּ אִיז עֶס אַ אִינְגְל וָואס קֶען בֶּאֱמֶת

# הֶמְשֵׁךְ שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

מָאנְטָאג פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, שְׁנַת תשפ"ג, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א

יָא אַייְנְזִיצְן, דַארְף מֶען זוּכְן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען זָאל אִים מַאכְן אַייְנְזִיצְן, אַמָאל מִיט פְּרֵייזֶעס אוּן אַמָאל מִיט שְׁטְרֶענְגְקֵייט, מֶען דַארְף אָבֶּער וִויסְן וֶוען צוּ זַיין שְׁטְרֶענְג אוּן וִוי אַזוֹי צוּ זַיין שְׁטְרֶענְג.

אָבֶּער אוֹיבּ עֶס אִיז אַ קִינְד וָואס קֶען טַאקֶע נִישְׁט אַייְנְזִיצְן צוּ לַאנְג אוֹיף אֵיין פְּלַאץ, עֶר הֵייבְּט זִיךְ אָן אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אוּן אַרָאפְּזֶעצְן פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, אוּן עֶר שְׁטֶערְט נִישְׁט, דִי כִּתָּה קֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין, דַארְף מֶען נִישְׁט מַאכְן פוּן דֶעם קַיין עֵסֶק.

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען פַארְמִיטָאג מְלַמֵּד אִין כִּתָּה ט', הָאט גֶעלֶערְנְט בַּיי מִיר אַ אִינְגְל וָואס פְלֶעגְט שָׁאקְלֶען זַיין בֶּענְקְל, דֶער נָאכְמִיטָאג מְלַמֵּד הָאט זִיךְ גֶע'הַרְגְ'עֶט מִיט אִים אַ גַאנְץ יָאר, עֶר הָאט אִים אַרוֹיס גֶעשִׁיקְט פוּן כִּתָּה אוּן צוּרִיק אַרַיין גֶענוּמֶען, אוּן נָאכְאַמָאל אַרוֹיס גֶעשִׁיקְט... מִיר אִיז נִישְׁט אָנְגֶעגַאנְגֶען אַז עֶר שָׁאקְלְט דֶעם בֶּענְקְל, מֶען קֶען נִישְׁט מַאכְן דָאס וָואס מֶען טוּט בַּיי מֵיידְלֶעךְ אַז מֶען דַארְף זִיצְן מִיט בֵּיידֶע הֶענְט אוֹיפְ'ן טִישׁ אוּן מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט רִירְן... וָואס מַאכְסְטוּ מְשׁוּגָע קִינְדֶער?! אַז דֶער מְלַמֵּד כַאפְּט אַז אַ קִינְדְ'ס נַאטוּר אִיז טַאנְצְנְדִיג, קֶען עֶר זִיךְ נִישְׁט פַארְאַנְקֶערְן מִיט דֶעם קִינְד.

אִיךְ וִויל נִישְׁט מֶען זָאל מִיר נָאכְקוּקְן וֶוען אִיךְ דַאוֶונֶען מִיט מַיינֶע קִינְדֶער, אָבֶּער קֶען זַיין אֵיינֶער הָאט שׁוֹין בַּאמֶערְקְט וִוי אַזוֹי אִיךְ דַאוֶוען מִיט זֵיי, עֶטְץ מֵיינְטְס אַז אַלֶע מַיינֶע קִינְדֶער דַאוֶונֶען? דֶער קִינְד דַאוֶוענְט בִּכְלַל נִישְׁט, אוּן דֶער קִינְד דַארְף אִיךְ דֶערְמַאנֶען יֶעדֶע מִינוּט, אוּן דֶער קִינְד זָאג אִיךְ אַז עֶר דַארְף נָאר זָאגְן סוֹף פוּן יֶעדֶע שְׁטִיקְל, דָארְט וואוּ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה לָאזְט אוֹיס; מֶען קֶען נִישְׁט צֶעקְוֶועטְשֶׁען אַ קִינְד!

## • שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת

### שְׁאֵלָה:

**אַ מְלַמֵּד פְרֶעגְט:** אִיךְ הָאבּ בַּיי מִיר אִין כִּתָּה א' קִינְד וָואס שְׁלָאגְט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער אוּן עֶר אַלֵיינְס וֵוייסְט נִישְׁט אַז עֶר שְׁלָאגְט, וָואס זָאל אִיךְ טוּן מִיט אִים?

### תְּשׁוּבָה:

מֶען דַארְף אִים קְלָאר וַוייזְן וָואס עֶר זָאל נִישְׁט טוּן, מֶען לֶערְנְט אִים אוֹיס: **"לֵייג אַרָאפּ דַיינֶע הֶענְט, רִיר נִישְׁט אָן אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, גֶעבּ אַכְטוּנְג וואוּ דַיינֶע הֶענְט פְּלִיעֶן"**.

בִּיזְדֶערְוַוייל וֶוען אֵיינֶער קוּמְט אוֹיסְזָאגְן דֶעם קִינְד, זָאלְסְטוּ אִים זָאגְן: **"אִיךְ וֶועל קֶעיר נֶעמֶען"**, אוּן דוּ זָאלְסְט טַאקֶע צוּלֵייגְן קָאפּ וִוי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט הֶעלְפְן דֶעם קִינְד.

עֶס וֶועט נָאךְ זַיין שֵׁיינֶע זַאכְן אִין דִי מוֹסָד; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה, אָמֵן.

# בְּרִיְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## מֶעג אִיךְ זַיין אַ מְלַמֵּד תִּינוֹקוֹת אַלְס בָּחוּר?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן צְוָואנְצִיג יָאר, אִיךְ אַרְבֶּעט אַלְס אַ הֶעלְפֶער אִין אַ גֶעוִויסֶע חֵדֶר אִין כִּתָּה א', אָבֶער אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען שְׁטֵיין אִין דִי גְמָרָא אַז אַ בָּחוּר זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵּד תִּינוֹקוֹת, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט וִויסְן צִי אִיךְ זָאל וַוייטֶער אָנְהַאלְטְן מִיט מַיין אַרְבֶּעט אוֹיף קוּמֶענְדִיגְן זְמַן, אָדֶער זָאל אִיךְ עֶס אוֹיפְגֶעבְן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע גוּטֶע עֵצוֹת וָואס אִיר גֶעבְּט אוּנְז, בִּיטֶע נִישְׁט אַרוֹיסְלֵייגְן דִי שְׁאֵלָה אִין דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אַ דַאנְק.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ט אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי פּוֹסְקִים זָאגְן (שֵׁבֶט הַלֵּוִי חֵלֶק ה', סִימָן רו, אוֹת ב) הַיינְטִיגֶע צַייטְן, וֶוען דִי מַאמֶעס בְּרֶענְגֶען נִישְׁט דִי קִינְדֶער צוּם מְלַמֵּד - קֶען אַ בָּחוּר אוֹיךְ זַיין אַ מְלַמֵּד, אוּן כָּל שֶׁכֵּן אַ הֶעלְפֶער פַאר אַ מְלַמֵּד.

עֶס אִיז וִויכְטִיג פַאר מְלַמְּדִים צוּ לֶערְנֶען הִלְכוֹת מְלַמְּדִים. עֶס קוּמְט מִיר אוֹיס צוּ טְרֶעפְן מְלַמְּדִים, אִיךְ פְרֶעג זֵיי אוֹיבּ זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט הִלְכוֹת מְלַמְּדִים, זֵיי וֵוייסְן נִיטְאַמָאל אַז עֶס אִיז דָא אַזַא זַאךְ וִוי הִלְכוֹת מְלַמְּדִים; וִוי קֶען מֶען זַיין אַ מְלַמֵּד אָן לֶערְנֶען דִי הֲלָכוֹת?

עֶס אִיז דָא וִויכְטִיגֶע הֲלָכוֹת, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַ מְלַמֵּד טָאר נִישְׁט זַיין אוֹיף בַּיינַאכְט, אַ מְלַמֵּד מוּז זַיין גוּט אוֹיסְגֶערוּט וֶוען עֶר גֵייט אַרַיין אִין כִּתָּה. אוֹיךְ טָאר אַ מְלַמֵּד נִישְׁט פַאסְטְן; אַ מְלַמֵּד מוּז זַיין אוֹיסְגֶערוּט אוּן זַאט, אַז מֶען אִיז אוֹיסְגֶערוּט אוּן זַאט - הָאט מֶען גֶעדוּלְד צוּ דִי קִינְדֶער.

עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמה, סְעִיף טז): "וְאֵין לַמְלַמֵּד לִנְעוֹר בַּלַּיְלָה יוֹתֵר מִדַּאי שֶׁלֹּא יִהְיֶה עָצֵל בַּיּוֹם לִלְמֹד, וְכֵן לֹא יִתְעַנֶּה", אַ מְלַמֵּד טָאר נִישְׁט אוֹיף זַיין שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט זַיין מִיד; אוֹיךְ טָאר אַ מְלַמֵּד נִישְׁט פַאסְטְן.

לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה, זִינְג מִיט זֵיי: "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלַל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

(עצתו אמונה יום טוב סוכות תשפ"ג)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com


קוֹל בר־סלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / -444-9169'212
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876